בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ס"ו

פרשת קרח
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### בַּיי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִיז גָארְנִישְׁט אָנְגֶעצֵייכְנְט

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער!

אִיךְ גֵיי עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה. אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה הָאבְּן גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, מַיין חַבֶר, עֶר זָאל הָאבְּן בַּיי זִיךְ אַ בִּיכְל מִיט דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"דַיין דְזָשַׁאבּ אִיז, דוּ דַארְפְסְט יֶעדְן טָאג גְרִיסְן יֶעדְן בָּחוּר, אוּן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מוּזְטוּ הָאבְּן מִיט יֶעדְן בָּחוּר אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס"**.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"מַאךְ זִיךְ אַ צֵייכְן בַּיי יֶעדְן בָּחוּר מִיט וֶועם דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַ שְׁמוּעֶס אוּן אִיךְ גֵיי דִיר וַוייזְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ"**. עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי וָואכְן, הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער גֶעקוּקְט זַיין בִּיכְל אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוִויזְן: **"קוּק, בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים אִיז אָנְגֶעצֵייכְנְט עֶטְלִיכֶע טְשֶׁעקְס, מִיט זֵיי הָאסְטוּ אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגְט, ווִידֶער בַּיי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִיז גָארְנִישְׁט אָנְגֶעצֵייכְנְט, עֶס אִיז דִיר אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען זֵיי צוּ גְרִיסְן"**.

### זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען קוּמְט אָן צוּ יֶעדְן

אַזוֹי אִיז עֶס, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן אַרַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ, זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אִין דֶעם לִימוּד אוּן אִין דֶעם שְׁפִּיל, עֶס קְלַאפְּט אַ מְחַיֶה, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁטִיל, פַארְמַאכְט אוּן צֶעקְלַאפְּט. בַּיי דִי שְׁטִילֶע פַארְמַאכְטֶע בָּחוּרִים טְרַאכְט מֶען אַלְץ 'בַּאלְד וֶועל אִיךְ שׁוֹין רֶעדְן מִיט אִים', אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זוּנְטָאג, מָאנְטָאג, דִינְסְטָאג, מִיטְוָואךְ, דָאנֶערְשְׁטָאג, פְרַייטָאג, אוּן נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט זֵיי, דֶערְפַאר, מוּזְן דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְּן בַּיי זִיךְ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען קוּמְט אָן צוּ יֶעדְן קִינְד, מֶען רֶעדְט מִיט יֶעדְן אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט יֶעדְן.

בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין אֵיינִיג מִיט יֶעדְן. מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְקְלוֹיבְּן דִי זֶעלְבֶּע פִּינְף קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַלְץ זַיין 'שַׁבָּת טַאטֶע' אוּן 'שַׁבָּת מַאמֶע', וָואס אִיז שׁוּלְדִיג דֶער קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט אַזַא שֵׁיינֶע קָאלִיר הָאר? וָואס אִיז שׁוּלְדִיג דֶער קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט אַזַא שֵׁיינֶע קָאלִיר אוֹיגְן? וֶועגְן דֶעם לָאזְטוּ אִים אִין דִי זַייט?! דֶער קִינְד הָאט דָאךְ אוֹיךְ אַ נְשָׁמָה! דֶער קִינְד הָאט דָאךְ אוֹיךְ אַ הַארְץ! מֶען דַארְף אַלְץ גֶעדֶענְקֶען פוּן יֶעדְן!

אֲפִילוּ בַּיי דִי גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ 'שַׁבָּת טַאטֶע' אוּן 'שַׁבָּת מַאמֶע', אָבֶּער בַּיי זֵיי אִיז דָא דָאס 'רֶעדְן', גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער (קָאמְפְּלִימֶענְטְס) אוּן רֶעדְן פוּן זֵיי, - דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער מוּזְן זַיין אֵיינִיג.

### אַ מְלַמֵד מִיט הַארְץ

דָאס וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ווַייל לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דֶער נַאטוּר ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְיוּט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שֵׁיין, קוּקְן אַלֶע אוֹיף אִים, אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין, אוּן עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן דָאס שֵׁיינְקֵייט, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרַיין צְווִישְׁן קִינְדֶער קוּקְן אַלֶע אוֹיף זֵיי.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז אַ קִינְד צִיט אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט זָאגְן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן אוֹיף דִי בַּאחֵנְ'טֶע קִינְדֶער, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער מוּזְן זַיין אֵיינִיג, אוּן חַס וְחָלִילָה קֵיינֶער זָאל נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

### עֶס מֶעג זַיין אַ פִּירֶער אִין אַ כִּתָּה?

מְלַמְּדִים פְרֶעגְן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, צִי עֶס מֶעג זַיין אַ פִּירֶער אִין אַ כִּתָּה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם אִיז: עֶס וֶוענְדְט זִיךְ; אוֹיבּ דֶער פִּירֶער פַארְפִירְט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶר טְרֶעט אוֹיף נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן טוּט נִישְׁט וֵויי אַנְדֶערֶע, נָאר מֶען קְלֶעבְּט צוּ אִים ווַייל עֶר אִיז אַ גוּטֶע נְשָׁמָה, אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער פִּירֶער הֵייבְּט אָן בַּא'עַוְלָה'ן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, עֶר שְׁלָאגְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אָדֶער עֶר אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּנֶעם מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין, דֶער מְלַמֵד זָאגְט אַ וָוארְט אוּן דֶער פִּירֶער קֶען בַּאאֵיינְפְלוּסְן דִי קִינְדֶער מֶען זָאל טוּן פַארְקֶערְט פוּנֶעם מְלַמֵד, אָדֶער עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּנֶעם מְלַמֵד, דַארְף מֶען אִים אַרָאפּ קְלַאפְּן.

אִיךְ וֶועל עֶנְק זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אַלְס

קִינְד בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, זָאל אִיךְ זִיךְ שֶׁעמֶען דֶערְפוּן? - אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוּן אַז דָאס זָאל אַזוֹי זַיין! וֶוען אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ב׳ אִינְגְל, הָאט מֶען גֶעבּוֹיט פַּאר מִיר אַ הוֹיכֶע שְׁטִיל בִּיזְן הִימְל, מִיט קֶעסְטְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּן, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אוֹיפְ׳ן שְׁטִיל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּאדִינֶערְס מִיט מְשָׁרְתִים, מֶען הָאט מִיךְ נָאכְגֶעוָואקְט אַ גַאנְצְן טָאג; דִי מְלַמְּדִים הָאבְּן דָאס צוּגֶעלָאזְט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן פַּארְק דֶערְצֵיילְן זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ פִּירֶער אוֹיף דֶעם גַאס, דֶער פִּירֶער פָּארְט אַרוּם מִיט זַיין בֵּייק אוּן שְׁמַייסְט אָן קִינְדֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג. אָבֶּער אוֹיבּ דֶער פִּירֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין אִיז עֶס גָאר אַ מַעֲלָה, דֶער מְלַמֵּד אוּן דִי לֶערֶערִין קֶען נֶעמֶען דֶעם פִּירֶער פַּאר זִיךְ, עֶר זָאל אַרְבֶּעטְן מִיט אִים צוּזַאמֶען, אוּן צוּזַאמֶען וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען אַלֶע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ מְלַמֵּד מִיט הַארְץ

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אֵיין זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, וֶוערְט עֶס סִיסְטֶעמַאטִישׁ, עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער קַיין הַארְץ, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ עֶנְק, עֶס זָאל בְּלַייבְּן הֵיימִישׁ, אִין עֶנְגְלִישׁ רוּפְט מֶען **״אָן פְּרָאפֶעשֶׁענֶעל״**.

דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע אִיז נִישְׁט ׳דֶער בִּילְדִינְג׳ וָואס מִיר הָאבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט דִי שֵׁיינֶע אַרְטְס אוּן קְרֶעפְּטְס אוּן בִּיכְלֶעךְ וָואס מֶען שִׁיקְט אַהֵיים, דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע אִיז דֶער מְלַמֵּדְ׳ס הַארְץ אוּן דִי לֶערֶערִינְ׳ס הַארְץ.

עֶס אִיז דָא מְלַמְּדִים וָואס שִׁיקְן אַהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער סוֹף וָואךְ גַאנְצֶעטֶע בִּיכֶער. קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אִיךְ זָאג עֶס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; גְלַייךְ וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט דִי בִּיכֶער פוּן חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע, גֵייט עֶס גְלַייךְ אִין מִיסְט... [אַוַודַאי לֵייגְט מֶען עֶס נִישְׁט גְלַייךְ אִין מִיסְט, אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם], דִי בִּיכֶער וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַהֵיים זֶענֶען מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, מִיר אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט לִיבּ מַיין קִינְד אוּן מַיין קִינְד הָאט אִים לִיבּ, דָאס אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט! אוּן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט לִיבּ מַיין זוּן, אָדֶער מַיין זוּן הָאט נִישְׁט לִיבּ דֶעם מְלַמֵּד - וֶועל אִיךְ אַפִּיר נֶעמֶען דֶעם מְלַמֵּד, פְּרֶעגְן וָואס גֵייט פָּאר.

אִין שׁוּלֶע מוּז מֶען מַאכְן אַרְטְס אוּן קְרֶעפְּטְס, אוּן מֶען דַארְף קָאלֶערְן, וַוייל מֶען מוּז דָאךְ אָנְפִילְן דֶעם טָאג, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער עִיקָר? - נֵיין! דֶער עִיקָר אִיז דָאס הַארְץ פוּן דִי לֶערֶערִין צוּ דִי קִינְדֶער, זִי לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זִי הֶערְט אוֹיס וָואס זֵיי רֶעדְן, זִי בּוֹיט אוֹיף זֵייעֶר זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, זִי לֶערְנְט אוֹיס אִידִישֶׁע מִידוֹת, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

## דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אָנְהֵייבּ יָאר

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אָנְהֵייבּ פוּן אַ נֵייעֶ יָאר אִין שׁוּלֶע, וֶועלְן מִיר רֶעדְן וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם יָאר מִיט קִינְדֶער.

אָנְהֵייבּ יָאר, כָאטְשׁ דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי דְרֵיי וָואכְן, דַארְף מֶען זַיין מֶער שְׁטְרֶענְג. וָואס מֵיינְט שְׁטְרֶענְג? אַבִּיסְל פָּארְמַאל (אוֹיסֶערְלִיךְ), אָבֶּער עֶס מֵיינְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, קְוִויטְשְׁן, דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן אַרַיינְטְרָאגְן אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ, חַס וְחָלִילָה, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווואוֹילֶע קִינְדֶער, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן.

שְׁטְרֶענְג מֵיינְט, דֶער מְלַמֵּד אוּן דִי לֶערֶערִין הַאלְטְן זִיךְ אַ טְרִיט אַוֶועק פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא דָאס זִיךְ חַבֶרְ׳ן, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל: **״אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן״, ״אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעהֵייסְן זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן״, ״מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט״, ״אַז אִיךְ זֶע וִוי מֶען רֶעדְט, וֶועל אִיךְ מוּזְן נֶעמֶען אַ צֶעטְל אוּן עֶס אוֹיפְשְׁרַייבְּן״**, אוּן נָאכְן אָפְּשְׁרַייבְּן יֶענֶעמְ׳ס נָאמֶען דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיט דֶעם צֶעטְל...

שְׁטְרֶענְג מֵיינְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, סְטְרַאשֶׁענֶען אוּן אַרוֹיסְוַוארְפְן, מֶערְסְטְנְס קֶען מֶען זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **״גֵיי צוּ דִי אָפִיס״**, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין לְכַתְּחִילָה, דָאס טוּט מֶען נָאר וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה.

אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין וֵוייסְט אִינֶעוֵוייניג בַּיי זִיךְ אַז ׳מֶען גֵייט מִיךְ פָּאלְגְן׳ אוּן ׳מֶען דַארְף מִיךְ פָאלְגְן׳, וֶועט מֶען טַאקֶע פָּאלְגְן.

אָנְפַאנְג יָאר אִיז מֶען מֶער פָּארְמַאל, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל הֵיימִישׁ, מֶען לַאכְט שׁוֹין מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען קֶען שׁוֹין גְרִינְגֶער צוּרִיק מַאכְן עֶס זָאל וֶוערְן סֵדֶר, מֶען רוּפְט זִיךְ אָן: **״אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ אַוֶועק, אֵיינְס... אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין זָאגְן צְוֵויי...״**

אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט גְלַייךְ אָן דָאס יָאר אַלְס חַבֶר, מֶען גֶעבְּט שְׁפִּילְצֵייג אוּן מַתָּנוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן צוּרִיק מַאכְן סֵדֶר.

אָבֶּער אֲפִילוּ אָנְהֵייבּ יָאר, וֶוען מֶען טְרֶעפְט - אַ קִינְד וָואס אִיז וואוֹיל - פְּרִיוַואט אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, זָאגְט מֶען אִים: **״דוּ בִּיסְט אַ וואוֹילֶער אִינְגְל, אִיךְ זֶע אַז מִיט דִיר וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן זַיין שְׁטְרֶענְג אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דוּ בִּיסְט זֵייעֶר וואוֹיל״**.

## רֶעדְן פוּן ׳שְׂכַר וְעֹנֶשׁ׳ אוּן ׳תְּשׁוּבָה׳

אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, עֶס קוּמְט דָאךְ בַּאלְד רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער פוּן שְׂכַר וְעֹנֶשׁ?

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה?! אַוַודַאי דַארְף אַ קִינְד וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גֵיהִינוֹם! אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען נִישְׁט נָאר ׳חוֹדֶשׁ אֱלוּל׳, דָאס לֶערְנְט מֶען אַ גַאנְץ יָאר, חֶשְׁוָן, כִּסְלֵו, טֵבֵת, שְׁבַט, אֲדָר אוּן וַוייטֶער.

דָאס זָאלְט עֶטְץ וִויסְן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֵיין קֶעגְן דִי תּוֹרָה, אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִינְ׳ס אִיז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בַּאקוּמְט עֶר שְׂכַר, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָא גֵיהִינוֹם, אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט דִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֵיהִינוֹם, אִיז עֶר אַן אַפִּיקוֹרֶס!

דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען זָאל דָאס זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַוַודַאי דַארְף מֶען דָאס זָאגְן פַאר קִינְדֶער, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר פוּן וָואס צוּ רֶעדְן מֶער; אַז מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער ׳נָאר פוּן גֵיהִינוֹם׳, וֶוערְן דִי קִינְדֶער מְיוּאָשׁ, זֵיי טְרַאכְטְן ׳אִיךְ גֵיי שׁוֹין סֵיי וִוי פְּלַאקֶערְן אִין גֵיהִינוֹם׳.

דֶערְפַאר דַארְף יֶעדֶער מְלַמֵּד רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׂכַר וְעֹנֶשׁ, אוּן פוּן אַלֶע דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִינְ׳ס - וָואס זֶענֶען דִי דְרַייצְן עִקָּרִים פוּן אַ אִיד, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צוּפִיל רֶעדְן ׳נָאר׳ פוּן גֵיהִנוֹם.

# הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, שְׁנַת תשפ״ג

מֶען דַארְף לֶערְנֶען אַלֶע אֲנִי מַאֲמִין'ס אוּן רֶעדְן פוּן שְׂכַר וְעֹנֶשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר אוֹיבּ מֶען טוּט גוּטְס, אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט גוּט - אִיז דָא עוֹנְשִׁים, אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן!

עֶס אִיז דָא פְּלֶעצֶער וָואס מֶען לֶערְנְט נָאר פוּן 'גֵהִינוֹם' אוּן מֶען זָאגְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי 'תְּשׁוּבָה', דָאס טָאר נִישְׁט זַיין. קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן, אוֹיבּ דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה - בַּאקוּמְסְטוּ שְׂכַר, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט פְלֵייסִיג אוּן דוּ עֶסְט וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט - אַ מִילְכִיגֶע טְשָׁאקָאלַאד, בַּאקוּמְסְטוּ גֵהִינוֹם, אָבֶּער דוּ קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן!

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן פְּרֶעגְן: **"מֶען קֶען דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מוֹחֵל?"** דַארְף מֶען זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: **"אִיךְ וֶועל טוּן אַן עֲבֵירָה אוּן אִיךְ וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן"**, אִיז עֶס שׁוֹין אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל וֶוער זָאגְט אַז דוּ גֵייסְט נָאכְדֶעם בִּכְלַל וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן שְׂכַר וְעֹנֶשׁ.

## דַאוֶוענֶען אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג

אַגַב ווִיל אִיךְ זָאגְן, פָאריגֶע וָואךְ פְרַייטָאג בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער אֵיינֶע פוּן דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶעהֶערְט אַ רֶעקָארְדִירוּנְג וָואס אַ מְלַמֵד הָאט אַרַיין גֶעזָאגְט פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אוּן אֲנִי מַאֲמִין; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוָואלְט זָאגְן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן. אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז אַבִּיסְל צוּ שְׁנֶעל, דִי קִינְדֶער וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס זֵיי זָאגְן, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

מֶען דַארְף נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן דָאס דַאוֶוענֶען, אָבֶּער צוּ שְׁנֶעל אַז מֶען זָאל מַמָשׁ נִישְׁט קֶענֶען אָטֶעמֶען, קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, אִיךְ מֵיין מֶען זָאל אִיבֶּערְמַאכְן דִי רֶעקָארְדִירוּנְג, אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן וֶוערְן אַרוֹיסְגֶעזָאגְט שְׁטֵייט.

עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ זִיךְ צוּ יָאגְן, הֶעכְסְטְנְס אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ דַאוֶוענֶען רוּאִיג, זָאל מֶען אַרָאפּ נֶעמֶען אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם דַאוֶוענֶען; וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף עֶס גֶעזָאגְט וֶוערְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

## מֶען וֶועט זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ אָפְּרוּעֶן

גֶעדֶענְקְט, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אָבֶּער אַז מֶען טוּט פַאר יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער, מֶען טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד, דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט! מֶען וֶועט זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ אָפְּרוּעֶן אִין לֶעבְּן, דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן עֶנְקֶער מְנוּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אָמֵן.


## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**


# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ווִי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין קְלַאס, אָן שְׁלָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד שׁוֹין זִיבְּן יָאר צוּם גוּטְן, אִיךְ לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם זֵייעֶר מַצְלִיחַ. אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלִיחַ צִיבּוּר פוּן דִי 42 קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען בַּיי מִיר, אוּן אִיךְ טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן פְּרֶעגְן.

דָאס אִיז אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער עִנְיָן אִיז זֵייעֶר פַארְדְרֵייט גֶעוָוארְן בַּיי מְלַמְדִים, סֵיי אַז מֶען הָאט גֶעשְׁלָאגְן פוּן כַּעַס אָן דֶעם וָואס דָאס קִינְד זָאל אֲפִילוּ ווִיסְן פַארְוָואס עֶר כָאפְּט, אוּן סֵיי אַז מֶען הָאט גֶעשְׁלָאגְן קִינְדֶער וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס לֶערְנֶען אָדֶער פַארְ'ן זִיךְ פַארְ'חָלוֹמְ'ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ אַלְס מְלַמֵד הָאבּ אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער, אָבֶּער נָאר פַאר חוּצְפָּה, אוּן אוֹיךְ נָאר וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין כַּעַס, אוּן אוֹיךְ וֶוען דָאס קִינְד וֵוייסְט פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט עֶס. גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעג אִיךְ עֶס טוּן נָאר אָנְהוֹיבּ יָאר, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַלֶץ דֶער עֶרְשְׁטֶער מְחוּצָף וָואס ווִיל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מְלַמֵד, אָדֶער צוּמָאל עֶטְלִיכֶע, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע קִינְדֶער גֶעוואוּסְט אַז חוּצְפָּה אִיז נִישְׁט אַקְצֶעפְּטִירְט אִין דֶעם קְלַאס.

דָאס יָאר הָאבּ אִיךְ מֵאֵיזֶה סִיבָּה שֶׁיִהְיֶה פַארְקוּקְט אָנְהוֹיבּ יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר גֶערֶעדְט, "הֶער אוֹיף", "רֶעד נִישְׁט וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט", "מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פְּלַאץ", אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁפִּילְט דָאס יָאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פוּן חוּצְפָּה, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט סֵדֶר אִין כִּתָּה אָנְהוֹיבּ יָאר, אָבֶּער עֶס אִיז צוּ שְׁפֶּעט יֶעצְט, דִי כִּתָּה פָארְט שׁוֹין אוֹיף רֶעדֶער.

אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶעם, אִיךְ הֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, בְּרִיוְון, אוּן אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער. בְּדֶרֶךְ כְּלָל, וֶוען קוּמְט אוֹיס אַ מְלַמֵד זָאל שְׁלָאגְן קִינְדֶער? וֶוען דֶער מְלַמֵד אִיז נֶערְוֶועז אוּן

אָנגֶעצוֹיגְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג בַּיינַאכְט, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וְכַדוֹמֶה, דֶעמָאלְט פַּאסִירְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן שְׁלָאגְן קִינְדֶער הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ; קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מְלַמֵד, זֵיי טוּעֶן ווִילְדֶע זַאכְן, זֵיי ווִילְן זֶען אוֹיבּ עֶס גֵייט זֵיי גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מְלַמֵד; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד פַּארְלִירְט זִיךְ אוּן שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - דַאן הָאט עֶר אַלֶעס פַּארְלוֹירְן, וַוייל דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז מֶען קֶען אִים אוֹיפְרֶעגְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גְלִידֶער, גֵייעֶן זֵיי וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, דִי פֶּעטְשׁ שְׁטֶעלְט זֵיי נִישְׁט אָפּ.

דֶערִיבֶּער וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יח) אַז אַ מְלַמֵד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵף זַיין; מֶען דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן, זַיין זַאט אוּן אוֹיסְגֶערוּט, כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶוען פַאר דִי קִינְדֶער. אַ מְלַמֵד וָואס אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט אוּן גוּט זַאט, וֶוען אַ קִינְד ווִיל אִים אוֹיפְרֶעגְן - פַּארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, אָדֶער מַאכְט עֶר זִיךְ ווִי עֶר זֶעט נִישְׁט. רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי וֶועג מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זוּכְן צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מְלַמֵד, מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען זֶעט נִישְׁט, מֶען זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי סֵדֶר הַיוֹם, אוּן וֶוען דֶער קִינְד זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען - הֶערְט עֶר אוֹיף צוּ שְׁטֶערְן, אוּן וֶוען מֶען דַארְף יָא זָאגְן, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְזֶען - דֶעמָאלְט גֶעבְּט מֶען אַ קְנַס אָדֶער בַּאקוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ וְכוּ'; אָבֶער עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, עֶר הַאלְט זִיךְ רוּאִיג.

דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵד קֶען טוּן מִיט קִינְדֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכַדוֹמֶה - אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן בַּיי הַפְסָקָה; מֶען הֵייסְט זֵיי בְּלַייבְּן זִיצְן אִין כִּתָּה דוּרְכְאוֹיס דִי צַייט וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן, דָאס שְׁטֶעלְט אַ קִינְד אִין פְּלַאץ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער קִינְד וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶע מִיטְלֶען צוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן, עֶר וֶועט שְׁרַייֶען, עֶר וֶועט וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן, אָבֶער אַז דֶער מְלַמֵד בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, עֶר וֶוערְט נִישְׁט פַּארְלוֹירְן, עֶר זָאגְט דֶעם קִינְד: "הַיינְט הָאסְטוּ גֶעשְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן", "הַיינְט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן דָא"; דֶער קִינְד וֶועט וֵויינֶען, עֶר וֶועט ווִילְדֶעוֶוען אָבֶער עֶר וֶועט זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן בִּיז אַפָּאר מָאל וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, מֶען טָאר נִישְׁט וַוייזְן פַארְלוֹירְנְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער. אַז דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן פַארְפִירְן, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עוֹנֶשׁ, דִי קְנַס וְכוּ'; אַז דֶער מְלַמֵד וֶוערְט שְׁוַואךְ אוּן עֶר זָאגְט פַאר'ן קִינְד: "אוֹקֶעי, יֶעצְט קֶענְסְטוּ גֵיין, אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", הָאט דֶער מְלַמֵד פַארְלוֹירְן אַלֶעס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן; דִי קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אַ וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵד אִיז אַ וָוארְט, אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט בְּלַייבְּן אִין כִּתָּה בְּלַייבְּט עֶס אַזוֹי, מֶען זָאגְט רוּאִיגֶערְהֵייט פַאר'ן קִינְד: "מָארְגְן וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס; וֶוען יָא צוּ גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ אוּן וֶוען נִישְׁט; נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעבְּט מֶען אַן עוֹנֶשׁ, אָבֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט שׁוֹין יָא, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים זָאלְן גֶעבְּן פְּרָסִים, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְטוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ. דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זֵיי בַּאקוּמֶען, אוּן אַ קִינְד וָואס פַארְפִירְט אוּן פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף - עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט דִי פְּרַס, פְּרָסִים אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מִיטְל פַאר'ן מְלַמֵד.

אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי לִימוּדִים מִיט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שְׁטוּבּ - נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי זַאךְ אוּן מֶען גֶעבְּט דָאס נִישְׁט צוּרִיק פַאר אַפָּאר טֶעג, אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן מֶער, אֲפִילוּ דֶער קִינְד קוּמְט וֵויינֶען אוּן שְׁרַייֶען אַז עֶר דַארְף צוּרִיק דִי שְׁפִּיל, לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס, מֶען זָאגְט אִים: "נֵיין, דוּ בַּאקוּמְסְט נִישְׁט צוּרִיק דִי שְׁפִּיל; הָאסְט גֶעשְׁטֶערְט דָאס לֶערְנֶען וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן פַאר אַ וָואךְ". אַזוֹי אוּן דָאס גְלַייכְן קֶען מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אָבֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן; שְׁלָאגְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, שְׁלָאגְן מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, שְׁלָאגְן וַוייזְט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז שְׁוַואךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין כִּתָּה.

אַ מְלַמֵד דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מא.): "שְׂמֹאל דוֹחֶה וְיָמִין מְקָרֶבֶת", פוּן אֵיין זַייט זַיין שְׁטַארְק, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - זַיין וֵוייךְ, וַוייזְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער. דֶער מְלַמֵד דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי כִּתָּה אִיז נִישְׁט קַיין תְּפִיסָה, דִי תַּכְלִית אִיז נִישְׁט אַיינְצוּשְׁפַּארְן דִי קִינְדֶער, בִּינְדְן דִי קִינְדֶער מִיט קֵייטְן, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי זֵיי זִיצְן אִין תְּפִיסָה, דִי כִּתָּה דַארְף זַיין אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מְלַמֵד אוּן בַּיי דִי קִינְדֶער - ווִי אַ פַּאלַאץ, דִי חֵדֶר אִיז דִי פַּאלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין כִּתָּה לֶערְנְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מְלַמֵד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז עֶר, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס.

אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי כִּתָּה אוֹיף דֶעם אוֹפָן דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בָּלָק תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876